**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/12/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**מער זיכערע גאסן: גאווערנער האקול ברענגט ארויס 10.1 מיליאן דאלאר אינוועסטירונג אין געזעץ ענפארסירונג טעכנעלאגיע לענגאויס דעם קאפיטאל ראיאן**

***127 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג צו ערמעגליכן פאר לאקאלע פאליציי אפטיילונגען לענגאויס דעם סטעיט צו מאדערנעזירן אפעראציעס, פארבעסערן אפיציר זיכערהייט, און באשיצן ניו יארקער***

***איסט גרינבוש פאליציי האט אינוועסטירט כמעט 400,000 דאלאר אין נייע דיספעטש קאנסאול, נאכט-וויזיע גלעזער און אנדערע געצייג***

***פובליק זיכערהייט אינוועסטירונג טוען ברענגען רעזולטאטן מיט באדייטנדע נידערונגען אין גאן געוואלדטאטן לענגאויס דעם קאפיטאל ראיאן***

גאווערנאר Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט באזוכט די איסט גרינבוש פאליציי אפטיילונג (East Greenbush Police Department) ארויסצוברענגען די מער פון 10.1 מיליאן דאלאר אין סטעיט אינוועסטירונגען וועלכע טוען פארבעסערן געזעץ ענפארסירונג טעכנעלאגיע און געצייג לענגאויס דעם קאפיטאל ראיאן. די פינאנצירונג, פארטיילט פאריגע יאר, טוט ערמעגליכן פאר לאקאלע פאליציי אפטיילונגען לענגאויס דעם סטעיט צו מאדערנעזירן אפעראציעס, פארבעסערן אפיציר זיכערהייט, און באשיצן ניו יארקער

"אלס גאווערנאר, איז די זיכערהייט פון ניו יארקער מיין הויפט פריאריטעט. דערפאר האב איך פארטיילט 127 מיליאן דאלאר פאר לאקאלע פאליציי אפטיילונגען איבער'ן סטעיט — פינאנצירונג וואס ברענגט עכטע רעזולטאטן און געבט צו צו א רעדוקציע אין פארברעכנס אין לאקאלע קאמיוניטיס," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "צוזאמען מיט אונזערע לאקאלע געזעץ ענפארסירונג מיטארבעטער, וועלן מיר ווייטער זיכער מאכן אז אפיצירן האבן די פאסיגע געצייג און טרענירונג צו מאכן ניו יארק מער פארזיכערט פאר יעדער איינער."

די איסט גרינבוש פאליציי אפטיילונג האט באקומען כמעט 400,000 דאלאר, וואס האט שוין פינאנצירט א נייע דראון, דיספעטש צענטער קאנסאולס, נאכט-וויזיע גלעזער, ראדיאוס וואס מען קען ארומטראגן, און אנדערע וויכטיגע איינקויפונגען. די סקענעקטעדי פאליציי אפטיילונג ( Schenectady Police Department) האט באקומען כמעט 1.6 מיליאן דאלאר, די סערעטאוגע ספרינגס פאליציי אפטיילונג (Saratoga Springs Police Department) האט באקומען כמעט 1.1 מיאליאן דאלאר, און די טאון פון בעטלעהעם פאליציי אפטיילונג (Town of Bethlehem Police Department) האט באקומען כמעט 750,000 דאלאר. די פינאנצירונג קומט אין די צייט וואס עס דראעט אויף די קאפיטאל ראיאן כמעט 1 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג שניטן צוליב פובליק זיכערהייט עמערדשענסי גרייטקייט פון די פעדעראלע רעגירונג.

אנדערע אגענטורן דורכאויס דעם קאפיטאל ראיאן האבן אויך באקומען שטיצע צו פארשטערקערן אפעראציעס, אויסברייטערן אויספארשונג מעגליכקייט, און מאדערנעזירן געצייג. א פולע ליסטע פון פינאנצירונג פאר געזעץ ענפארסירונג טעכנעלאגיע איבער'ן סטעיט איז צו באקומען אנליין.

די גאווערנאר האט אויך ארויסגעברענגט די לעצטיגע ציפערן פון די 'פטור ווערן פון גאן-פארמישטע געוואלדאטן' (Gun Involved Violence Elimination, GIVE) איניציאטיוו, וואס שטיצט קא-ארדענירטע באמיאונגען צו רעדוצירן פארברעכנס אין 21 קאונטיס. די דריי קאפיטאל ראיאן GIVE יוריסדיקציעס, אלבעני, סקענעקטעדי, און טראוי, האבן דאס יאר געזעהן באדייטנדע נידערונגען אין גאן-געוואלדטאטן. אין פארגלייך צו דעם זעלבן תקופה אין 2024, זענען שיסעריי איניצידענטן וועלכע האבן פארוואונדערט מענטשן אראפ מיט 45 פראצענט, און די צאל קרבנות פון שיסערייען איז אראפ מיט 43 פראצענט.

די GIVE פראגראם'ס צוזאמענארבעטנדע צוגאנג דערגרייכט ווייטער ווי די סיטי'ס גרעניצן, שטיצנדיג מער פארזיכערטע תוצאות אין ארומיגע קאמיוניטיס דורך דאטא מיטטילונג, געמיינזאמע אויספארשונגען, און מיטגעטיילטע ריסאורסעס.

**ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס ( Division of Criminal Justice Services) קאמישענער Rossana Rosado (ראסאנא ראסאדא) האט געזאגט,** ”גאווערנער Hochul'ס (האקול) אינוועסטירונגען אין טעכנעלאגיע טוען פארשטערקערן צוזאמענארבעט דורכאויס געזעץ ענפארסירונג אגענטורן און טוען שאפן מער פארזיכערטע געגנטער. דורך געבן פאר אפיצירן די געצייג און שטיצע וואס זיי דארפן, טוען מיר בויען שטערקערער שותפות'ער און מער ווירקזאמע פובליק זיכערהייט סטראטעגיעס דורכאויס דעם קאפיטאל ראיאן און ניו יארק סטעיט."

**איסט גרינבוש טשיף פון פאליציי Elaine M. Rudzinski (עלעין מ. רודשינסקי) האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul'ס (האקול) וויכטיגע פינאנציעלע שטיצע האט באדייטנדערהייט פארבעסערט אפיציר זיכערהייט און ארבעטס גרייטקייט דורך די פארבעסערונג פון וויכטיגע געצייג פאר אונזער אפטיילונג. מיר זענען שטארק דאנקבאר פאר די גאווערנאר'ס פארפליכטונג צו פארזיכערן אז מיר האבן די נויטיגע געצייג וואס העלפט אונזערע אפיצירן דורכפירן זייערע ארבעט פארזיכערטערהייט און ווירקזאמערקהייט פאר אונזער קאמיוניטי."

**רענסעליער קאונטי דיסטריקט עטארני Mary Pat Donnelly (מערי פעט דאנעלי) האט געזאגט,** "איך בין דאנקבאר פאר גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פארפליכטונג צו פובליק זיכערהייט. די צוגעשטעלטע פינאנצירונג איז וויכטיג אין די צייט וואס געזעץ ענפארסירונג ספראוועט זיך מיט וואקסנדע שוועריקייטן יעדן טאג."

**אסעמבלי מיטגליד John T. McDonald III (דשאן ט. מעקדאנעלד דער דריטע), RPh האט געזאגט,** "איך האב שטאלצערהייט געשטיצט די פינאנצירונג פאר פארבעסערטע געזעץ ענפארסירונג טעכנעלאגיע אין די NYS בודשעט, און איך בין צופרידן צו זעהן די פינאנצירונג וואס איז צוגעשטעלט געווארן פאר די איסט גרינבוש פאליציי אפטיילונג און אונזערע אנדערע קאפיטאל ראיאן קאמיניטיס. פארבעסערן די טעכנעלאגיע מעגליכקייטן פון אונזער לאקאלע געזעץ ענפארסירונג ערמעגליכט זיי צו שנעלער קענען אויפכאפן און לעזן פארברעכנס, וואס פירט צו פארבעסערטע פובליק זיכערהייט פאר יעדער איינער און העלפט אונזער געזעץ ענפארסירונג אפיצירן אין זייערע ארבעט. צוזאמען מיט געלונגענע פראגראמען ווי די GIVE פראגראם און די היי-יעריגע בודשעט איניציאטיוו צו העכערן די יארגאנג אויפצונעמען פאליציי אפיצירן צו העלפן פארמערן די צאל אפיצירן, איז עס נישט קיין וואונדער אז מיט טוען ווייטער זעהן באדייטנדע נידערונגען אין פארברעכנס ציפערן דורכאויס אונזער ראיאן און סטעיט. א דאנק פאר גאווערנאר Hochul (האקול) פאר'ן שטיצן די באמיאונגען, און מיר וועלן ווייטער אינוועסטירן אין די וויכטיגע פראיעקטן צו באשיצן אונזערע קאמיוניטיס."

**איסט גרינבוש טאון סופערווייזער Jack Conway (דשאן קאנוועי) האט געזאגט,** "מיר האבן עס געזעהן אלס א כבוד אויפצונעמען גאווערנאר Hochul (האקול) איר צו דאנקען פאר די געזעץ ענפארסירונג טעכנעלאגיע גרענט וואס האט אונז געהאלפן מאדערניזירן וויכטיגע חלקים פון אונזער סערוויס און געמאכט אונזער קאמיוניטי נאך מער פארזיכערט. דאס איז וויאזוי רעגירונג זעהט אויס ווען עס טוט אפעקטיווערהייט ארבעטן צו ערפולן איר הויפט מיסיע."

די גאווערנאר האט אויך אנגעמערקט די ראלע פון די קאפיטאל ראיאן פארברעכנס אנאליזירונג צענטער (Capital Region Crime Analysis Center), וואס האט דאס יאר שוין באהאנדלט מער ווי 10,000 בקשות פאר סערוויס, אריינגערעכנט 83 פון די איסט גרינבוש פאליציי אפטיילונג. די שטיצע פונעם צענטער האט געהאלפן לעזן קעיסעס פון טרעפן פארלוירענע באגרעניצטע ערוואקסענע ביז אידענטיפיצירן פארדעכטיגטע אין פארבינדונג מיט מולטי-יוריסדיקציע שווינדלערייען, ארויסווייזנדיג וויאזוי טעכנעלאגיע און צוזאמענארבעט טוט פארשטערקערן אויספארשונגען און האלטן קאמיוניטיס פארזיכערט.

די פינאנציעלע יאר 2026 ענעקטעד בודשעט האט אנגעהאלטן די 347 מיליאן דאלאר אין ערשטמאליגע פינאנצירונג פארזיכערט דורך גאווערנאר Hochul (האקול) פאר גאן געוואלדטאטן פארמיידונג פראגראמען, אריינגערעכנט GIVE, און טוט שטיצן נאך איניציאטיוון צו פארבעסערן פובליק זיכערהייט, אויסברייטערן שטיצע פאר באטראפענע און איבערלעבער פון פארברעכנס, און פארשטערקערן קאמיוניטיס.

די [דיוויזיע פון קרימיאנאלע יוסטיץ סערוויסעס](#) שטעלט צו קריטישע שטיצע פאר אלע הינזיכטן פון די סטעיט'ס קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם, אריינרעכנענדיג, אבער נישט באגרעניצט צו: טרענירן געזעץ איינפארסירונג און אנדערע קרימינאלע יוסטיץ פראפעסיאנאלן; האלטן אויפזיכט איבער א געזעץ איינפארסירונג קרעדיט פראגראם; פארזיכערן אז Breathalyzer (אפאראט וואס קוקט איבער דאס אטעם) און שנעלקייט איינפארסירונג געצייג גענוצט דורך לאקאלע געזעץ איינפארסירונג ארבעטן ריכטיג; אנפירן קרימינאלע יוסטיץ גרענט פינאנצירונג; איבערקוקן פארברעכן און פראגראם אינפארמאציע איבער די סטעיט; צושטעלן פארשונג שטיצע; האלטן אויפזיכט איבער קאונטי פראובע דעפארטמענטס און אלטערנאטיוון צו טורמע פראגראמען; און אויסארבעטן יוגנטליכע יוסטיץ פאליסי. פאלגט נאך DCJS אויף [Facebook](#), [Instagram](#), [LinkedIn](#) און [X (דער געוועזענע Twitter)](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](#)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](#) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

[זיך ארויסשרייבן](#)